א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת מקץ

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### תשועת ה' כהרף עין

**"וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה וַיִּקְרָא אֶת יוֹסֵף וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר"** (מא יד)

דעם לשון: "וַיְרִיצֻהוּ" ערקלערט דער ספורנו: "כדרך כל תשועת ה' שנעשית כמו רגע", וואס איז טייטש: אזוי ווי יעדע ישועה וואס קומט פון השי"ת וואס ווערט געטוהן אין איין מינוט, ערקלערט דער **'סוכת דוד'**: אויב וואלט די ישועה געקומען שטאט אזוי ווי די סדר פון דער וועלט, וואלט מען עס געקענט אנהענגען אין די כוחות פון די טבע, אבער ווייל עס ווערט געטוהן אין א איילעניש און מיט א איבערראשונג זעהן אלע איין אז 'מאת ה' היתה זאת'.

מיט דעם יסוד האט **רבי אברהם פאם** דער ראש ישיבה פון 'תורה ודעת' געגעבן צו פארשטיין דעם צוועלעפטן עיקר פון די דרייצן אני מאמין'ס וואס מיר זאגן יעדן טאג נאכן דאווענען: "אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח, ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא"; א גרויסער טייל פון די אמונה אין ביאת המשיח איז מ'זאל איינערקענען אז זיין אנקום קען זיין פלוצלינג - אין איין מינוט, און 'בכל יום' - מיט א אמת'דיגע איבערראשונג, כאטש וואס מיט פליישיגע אויגן זעהט עס אויס ווייט פון מציאות.

הגש"פ 'מראה כהן' עמ' קז

אויף **רבי יחזקאל אברהמסקי** ווערט דערציילט, אז אין די תקופה וואס ער איז איינגעשפארט געווארן אין טורמע דורך די קאמעניסטן האבן די רבנים אין מאסקאווע אים צוגעלייגט א נאמען 'יוסף' אלץ א סגולה, צו מרמז זיין, אזוי ווי יוסף הצדיק איז גערַאטעוועט געווארן פון טורמע אזוי זאל ער אויך זוכה זיין ארויסגיין פון זיין טורמע.

און טאקע אזוי, מיט יארן שפעטער האט רבי יחזקאל געזאגט אז זיין באפרייאונג איז געווען פונקט אזוי ווי דער ספורנו שרייבט אויף יוסף הצדיק: "כדרך כל תשועת ה' שנעשית כמו רגע", אזוי ווייט אז ווען מ'האט אים 'פארטריבן' פון די מאסקאווע טורמע ערב יום כיפור אין יאר תרצ"ב, האט ער נישט אנגעיאגט צו אנטוהן זיינע שיך בעפאר מ'האט אים ארויס געווארפן אויף די פרייער גאס.

'מלך ביפיו' ח"א עמ' 216

### 'שעשה לי כל צרכי' - אויף גוט'ס און שלעכט'ס

**"וַיַּרְא יוֹסֵף אֶת אֶחָיו וַיַּכִּרֵם וַיִּתְנַכֵּר אֲלֵיהֶם וַיְדַבֵּר אִתָּם קָשׁוֹת"** (מב ז)

פארוואס האט יוסף זיך פרעמד געמאכט צו זיינע ברודער, ער האט אליין האט דאך געוואוסט אז זיין אנקומען קיין מצרים איז געווען בהשגחה פרטית, אזוי ווי ער האט געזאגט פאר זיינע ברודער (להלן מה ה): "וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ... כִּי לְמִחְיָה שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם"?

ערקלערט דער **'שפתי צדיק' פון פילץ**: כאטש וואס איז זיכער אז יוסף הצדיק האט נישט פיינט געהאט זיינע ברודער, פון דעסוועגן האט ער באשלאסן זיך צו מאכן פאר זיי ווי א פרעמדער, ווייל ער האט געוואוסט אז נאר אזוי וועלן זיי צוקומען צו א ריכטיגע חרטה אויף זייערע מעשים און אזוי וועט נמחל ווערן זייערע עבירות.

לייגט צו דער פילצער רבי: אויך מיט אונז פירט זיך אזוי דער אויבערשטער מיט אזא הסתר פנים, ווייל ער ווייסט אז נאר אזוי וועט ארויס קומען א פאר אונז א טובה, אזוי ווי די מעשה וואס איז געווען מיט דעם רבי ר' בונם פון פאשיסחא ווען צו אים איז געקומען א איד וואס איז אדורך אין זיין לעבן אסאך שוועריקייטן און האט גע'טענה'עט: וויאזוי קען איך זאגן יעדן אינדערפריה די ברכה 'שעשה לי כל צרכי', איך האב דאך נישט קיין גוט'ס אויף וואס צו לויבן, איבערהויפט ווען איך פיהל אז 'כל צרכי' האב איך נישט באקומען?

האט רבי בונם אים געענטפערט: אדרבה, די עצם זאך אז פון הימל האט מען דיך געשיקט די צרות איז דאך א צייכן אז פאר דיר פעהלט עס אויס, ווייל דער אויבישטער וואס איז הטוב והמטיב שטראפט נישט אומזינסט, וועגן דעם דארפסטו מצדיק זיין אויף דיר דעם דין שמים און זאגן אויף דעם "שעשה לי כל צרכי" מיט א ליבשאפט און מיט א תמימות.

### יוסף אין דעם סוד פון 'אמן'

**"וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל יוֹסֵף אַחֲרֵי הוֹדִיעַ אֱלֹהִים אוֹתְךָ אֶת כָּל זֹאת אֵין נָבוֹן וְחָכָם כָּמוֹךָ"** (מא לט)

אין **'מגלה עמוקות'** (וישב לז ז אופן לה) ווערט ערקלערט אז דער כח פון יוסף איז דער סוד פון ענטפערן אמן.

א רמז אויף דעם קענען מיר טרעפן פון דעם וואס די גימטריה פון "נָבוֹן וְחָכָם" איז צוויי מאל 'אמן' (182) - איינס אקעגן 'אמן' פון די ברכות, און איינס אקעגן 'אמן' פון קדיש, ווי עס איז באקאנט פון די מקובלים אז די כוונה פון די צוויי אמן'ס זענען נישט דאס זעלבע.

'אמונת יצחק' עמ' קפב

### אמן איז א סגולה אויף פרנסה

**"וְיוֹסֵף הוּא הַשַּׁלִּיט עַל הָאָרֶץ הוּא הַמַּשְׁבִּיר לְכָל עַם הָאָרֶץ"** (מב ו)

די ראשי תיבות: "וְיוֹסֵף הוּא הַשַּׁלִּיט עַל הָאָרֶץ" באטרעפט 'אמן', פון דעם זעהן מיר אז דער זכות פון ענטפערן אמן ברענגט אויפן מענטש א שפע פון הימל, אזוי ווי דער פסוק איז דא מרמז: "הוּא הַמַּשְׁבִּיר לְכָל עַם הָאָרֶץ".

'בצל יהודה'

### וידוי פון טיפן הארץ

**"וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ"** (מב כא)

די ווארט 'אבל' זעהט אויס לכאורה ווי איבעריג, ערקלערט **דער בעל 'דברי ישראל' פון מאדזשיץ** מיט דעם וואס עס ווערט געברענגט אין די קדמונים אז מיטן זאגן 'טפלנו שקר' זענען מיר זיך מתוודה אויף די ווידוי אליין וואס איז נישט געזאגט געווארן פון טיפן הארץ, און עס זעהט אויס ווי א ליגנט.

אויך דא, נאך וואס די ברודער האבן ארויסגעברענגט זייער ווייטאג אויפן פארקויפן יוסף, האבן זיי זיך נישט בארוהיגט ביז זיי האבן צוגעלייגט און געזאגט איינעם פארן צווייטן: 'אבל אשמים אנחנו'; 'אבל' איז טייטש 'באמת' (אונקלוס) - מיר האבן אמת'דיג חרטה אויף דעם וואס מיר האבן פארקויפט אונזער ברודער, און מיר זאגן עס נישט נאר מיט די ליפן.

### לותיק ועושה חסד ביום דין

**"וְכֶסֶף מִשְׁנֶה קְחוּ בְיֶדְכֶם... וְאֵ-ל שַׁדַּי יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים"** (מג יב; יד)

רבי יצחק שוואדראן, דער פאטער פון דער באקאנטער מגיד רבי שלום שוואדראן האט דערציילט:

אין איין טאג חול המועד סוכות, מיין גרויסער טאטע דער **מהרש"ם פון בערזשאן** איז געשלאפן אין סוכה אזוי ווי די מצוה איז, און אט זעהט ער אין זיין חלום דעם בית דין של מעלה ווי זיי זיצן און משפט'ן א נפטר וואס האט עובר געווען א עבירה וואס אויף דעם איז דא א מחלוקת אין די פוסקים צי עס איז דא אויף דעם די שטראף פון מיתה בידי שמים.

ווען דער מהרש"ם איז אריין אין צימער האבן זיך די דיינים געוואנדן צו אים און געבעהטן צו הערן זיין חוות דעת, און ער - אין חלום - האט געענטפערט אז דער 'כסף משנה' ('פסולי המוקדשים' טז ט) האט שוין געשריבן להלכה אז ביי יעדע פאל ווי עס איז דא א ספק איז נישטא די עונש בידי שמים, און לויט דעם קען מען אויך פטר'ן דעם נפטר ווייל די פוסקים האבן דאך א ספק אין זיין הלכה. די דיינים האבן צוגעהערט צו זיינע ווערטער און זיי האבן באלד גע'פטר'ט דעם נפטר.

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט פון זיין שלאף איז אים ארויף געקומען דעם פסוק: "וְכֶסֶף מִשְׁנֶה קְחוּ בְיֶדְכֶם... וְאֵ-ל שַׁדַּי יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים" - אין זכות פון דער 'כסף משנה' האט יענער זוכה געווען אז מ'זאל אויף אים רחמנות האבן.

אז רמז אויף דעם 'כסף משנה' האט דער מהרש"ם אריינגעטייטש אין די ווערטער פון דער פיוט וואס מיר זאגן אין די ימים נוראים: "להוגה דעות בדין, לותיק ועושה חסד ביום דין", ד.מ.: ווען עס זענען פארהאן עטליכע מיינונגען אין דעם דין שמים, טוהט דער אויבישטער א חסד און פטר'ט דעם מענטש לפנים משורת הדין.

'תכלת מרדכי' ח"א בהקדמת בן המחבר

### די סגולה פון דאווענען ביים 'נץ'

**"הַבֹּקֶר אוֹר וְהָאֲנָשִׁים שֻׁלְּחוּ... וְיוֹסֵף אָמַר לַאֲשֶׁר עַל בֵּיתוֹ קוּם רְדֹף אַחֲרֵי הָאֲנָשִׁים וְהִשַּׂגְתָּם"** (מד ג-ד)

פארוואס האט יוסף געדארפט הייסן פאר זיין שליח ער זאל 'נאכלויפן' נאך די מענטשן, זיי גייען דאך אהיים מיט די בהמות וואס זענען אנגעפילט מיט א שווערע לאסט, איז דאך זיכער אז מ'וועט זיי קענען גרינגערהייט דערגרייכן?

ערקלערט **רבי הלל קאלאמייער**:

ווייל די ברודער'ס זענען ארויס פריה גלייך ביים עלות השחר, האט יוסף פארשטאנען אז אויב וועט ער נישט צואיילן נאכצולויפן נאך זיי וועלן זיי אניאגן צו דאווענען ביים נץ החמה, און אזוי וועט ער זיי נישט קענען באשולדיגן מיטן גנב'ענען די בעכער, ווייל די חכמים זאגן (ברכות ט ב) אויף דער וואס דאוונט ביים נץ החמה: "יעדער וואס איז סומך גאולה לתפילה ביי די נץ ווערט ער אגאנצן טאג נישט געשעדיגט, וועגן דעם האט ער געהייסן פאר זיין שליח: "קום רדוף אחרי האנשים והשגתם" - נאך בעפאר זיי וועלן אניאגן צו דאווענען ביים נץ.

'מקרי דרדקי' אות תשד




## להעבירם מחוקי רצונך

אין ספר **'פעמון זהב' פונעם מהר"י ונה**, פון די גרוסע פריערדיגע חכמי תימן, ברענגט ער אין נאמען פון א מדרש קדמון:

די תפילה 'אין כאלוקינו' הייבט זיך אן מיט די אותיות לויט די סדר פון **'אמן'** - "**א**ין כאלוקינו... **מ**י כאלוקינו... **נ**ודה לאלוקינו" און עס ענדיגט זיך מיט 'ברוך אתה' - "**ברוך** אלוקינו, **אתה** הוא אלוקינו".

אין די תקופה פון די גזירות פון די יוונים האבן זיי געוואלט אויסרייסן די אמונה פון כלל ישראל און וועגן דעם האבן זיי באפוילן אז ווער עס ענטפערט אמן נאך א ברכה - באקומט טויט שטראף. כדי ס'זאל נישט פארגעסן ווערן די 'אמן' פון צווישן די אידן, האבן די חכמים מתקן געווען די תפילה וואו אין דעם איז מרומז די ברכה און דאס ענטפערן אמן נאכדעם.

'מאי חנוכה' עמ' כח

**אמן. בימים ההם בזמן הזה.**

# תענה אמונים

א בליק לויטן סדר פון דאווענען

## תפילת על הניסים - צווייטער טייל

### פארוואס ווערט נישט דערמאנט די נס פון די קריגל אויל ביי 'על הניסים'?

"מאי חנוכה? (רש"י: "צוליב וואספארא נס האט מען עס באשטימט פאר א יו"ט?") דתנו רבנן: בכ"ה בכסליו יומי דחנוכה תמניא אינון, דלא למספד בהון ודלא להתענות בהון. שכשנכנסו יוונים להיכל טמאו כל השמנים שבהיכל, וכשגברה מלכות בית חשמונאי ונצחום, בדקו ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהיה מונח בחותמו של כהן גדול, ולא היה בו אלא להדליק יום אחד, נעשה בו נס והדליקו ממנו שמונה ימים. לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה" (שבת כא ב)

פון די חז"ל זעהט אויס אז די עיקר תקנה פון לויבן אין די חנוכה טעג איז געווען צוליב די נס פונעם קריגל אויל, וואס כאטש ס'איז געווען אין דעם אויל נאר אויף צו צינדן איין טאג איז געשעהן א נס אז עס איז געווען גענוג אויף אכט טעג, אזוי אויך די מצוה פון צינדן די חנוכה ליכט וואס די חכמים האבן מתקן געווען סימבאלעזירט דעם נס. אויב אזוי וואונדערן זיך אסאך אויף די נוסח פון 'על הניסים' וואס מ'האט מתקן געווען צו לויבן אויף די ניסים פון חנוכה: פארוואס ווערט אינגאנצן נישט דערמאנט אין דעם די נס פון דער קריגל אויל?

אויף די פראגע האבן זיך אסאך פון די מפרשים געפלאגט, דא וועלן מיר ברענגען די ערקלערונג פון דער מהר"ל מפראג:

דער הויפט נס וואס איז געטוהן געווארן פאר די אידן אין די חנוכה טעג איז דער נס הצלה און זייער ניצחון אויף די יוונים, אבער ווייל דאס איז געווען א 'נס נסתר', ווייל די קליין-גלויביגע קענען טענה'ען אז כאטש עס זענען געווען אסאך יוונים אקעגן די חשמונאים, קען זיין אז די חשמונאים האבן געהאט געוויסע קונצן ביי די מלחמה וואס צוליב דעם האבן זיי געווינען זייערע פיינט, צוליב דעם האט דער אויבערשטער געמאכט די נס פון די קריגל אויל, וואס דער נס אז ס'איז געווען גענוג אויף אכט טעג איז געווען א 'נס גלוי', כדי אז דורך דעם זאלן אלע גלייבן אז דער אויבישטער האט אלעס געטוהן, און אויב אזוי וועלן זיי אויך לויבן אויף די ניסים פון די מלחמה ('נר מצוה' עמ' כב).

לויט דעם קענען מיר פארשטיין, ריכטיג טאקע אז די תקנה פון צינדן ליכט האט מען טאקע קובע געווען אויף דעם אפענעם נס פון דעם קריגל אויל, אבער דאס אלעס איז כדי מיר זאלן דורך דעם איינערקענען דעם באהאלטענעם און דעם הויפט נס אז מ'איז געראטעוועט פון די מלחמה, און אויף דעם לויבן מיר ביים זאגן הלל און ביי ועל הניסים (ע"פ 'שפתי חיים', מועדים ב' עמ' יד).

### להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך

אין די נוסח 'בימי מתתיהו' טוהן מיר ווייטער פארשטעלן די שלעכטע ציל פון די יוונים: "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך". לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז דער אונטערשייד פון 'להשכיחם תורתך' צו 'להעבירם מחוקי רצונך'?

ערקלערט מרן ה'חתם סופר': די יוונים האבן געקענט צווינגען די אידן זיי זאלן עובר זיין אויף מצוות לא תעשה, צ.ב.ש. עסן נבילות וטרפות, חילול שבת א.ד.ג., אבער אויף די מצוות עשה האבן זיי נישט געקענט צווינגען, ווייל אויב זיי וועלן נישט לאזן עס מקיים זיין, האבן זיי דאך א מעגליכקייט עס צו מקיים זיין דורך לערנען זייערע הלכות, אזוי ווי די חכמים האבן געזאגט (מנחות קי א): "יעדער וואס לערנט הלכות חטאת איז עס גערעכנט ווי ער וואלט מקריב געווען א חטאת", דעריבער, כדי "להעבירם מחוקי רצונך" - פון די מצוות עשה, האבן די יוונים געזוכט "להשכיחם תורתך", און אזוי וועלן די אידן נישט האבן קיין מעגליכקייט צו לערנען די הלכות פון די מצוות (סידור חתם סופר).

אויף א אנדערער וועג האט עס דער סאטמאר'ער רבי דער בעל 'דברי יואל' ערקלערט לויט וואס עס ווערט דערציילט אין מדרש (שמו"ר ל יב): עקילס איז געקומען צום קייסער אדריאנוס און האט אים געזאגט: איך וויל זיך מגייר זיין און ווערן א איד, האט אדריאנוס אים געפרעגט: וואס האסטו מיט די פאלק, זי איז דאך אראפ געקוקט אין די אויגן פון די אנדערע פעלקער? האט עקילס אים געזאגט: אויך די קליינע צווישן זיי פארשטייען און ווייסן די מעשה בראשית, איך וויל לערנען זייער תורה. האט דער קייסער אים געזאגט: אויב אזוי, גיי לערן זייער תורה אבער זאלסט זיך נישט מגייר זיין, האט עקילס געזאגט: אפילו דער קלוגסטער אין דיין קעניגרייך און איז שוין אלט הונדערט יאר קען נישט פארשטיין זייער תורה אויב ער האט זיך נישט גע'מל'ט, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קמז יט-כ): "מַגִּיד דְּבָרָיו לְיַעֲקֹב חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו לְיִשְׂרָאֵל, לֹא עָשָׂה כֵן לְכָל גּוֹי וּמִשְׁפָּטִים בַּל יְדָעוּם".

לויט דעם קענען מיר פארשטיין, ווייל עס איז דאך באקאנט אז איינס פון די הויפט גזירות וואס די יוונים האבן גוזר געווען אויף די אידן איז געווען מבטל צו זיין די מצוה פון מילה, און דאס דערמאנען מיר ביי די תפילה: די יוונים האבן געוואלט "להשכיחם תורתך", וויאזוי האבן זיי עס געוואלט אויספירן? דורך "ולהעבירם מחוקי רצונך" - מבטל זיין די מצוה פון מילה וואס ווערט אנגערופן 'חוק' (ראה שבת קלז ב), וואס דורך דעם קענען די אידן פארשטיין די תורה, אזוי ווי עקילס האט געזאגט פאר אדריאנוס ('דברי יואל' חנוכה קא).

### דער סוד פון דעם כח פון די אידן

מיר וועלן ענדיגן מיט א וואונדערליכער יסוד וואס דער משגיח רבי מאיר חדש זצ"ל האט מדייק געווען פון די תפילה:

אין די צוויי ערשטע זאכן וואס מיר לויבן אויף זיי ביי 'בימי מתתיהו': "מסרת גיבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים", זעהט מען א אפענע נס וואס אויף דעם דארף מען לויבן, אבער ביי די דריי קומענדיגע זאכן: "טמאים ביד טהורים ורשעים ביד צדיקים וזדים ביד עוסקי תורתך", דערקענט זיך נישט קיין ספעציעלע נס, פארוואס דארפן מיר אויף דעם לויבן?

האט דער משגיח ערקלערט: מיטן דערמאנען 'מסרת גיבורים ביד חלשים' וכו' ברענגען מיר ארויס די סיבה פארוואס מיר האבן געווינען די יוונים; אנדערשט ווי די וועלט פארשטייט אז דורך שטארקייט געווינט מען א מלחמה, גלייבן מיר אז דוקא די ערליכקייט פון די צדיקים דאס איז די סיבה פון די דורכפאל פון די רשעים, און דווקא די פלייסיגקייט פון די עוסקי תורתך איז די סיבה אויף דעם וואס די גיבורים האבן פארלוירן די מלחמה. אזוי ווי דער פסוק זאגט (זכריה ד ו): "לֹא בְחַיִל וְלֹא בְכֹחַ כִּי אִם בְּרוּחִי אָמַר ה' צְבָאוֹת", נישט דורך שטארקייט געווינט מען א מלחמה, נאר מיט דעם אויבערשטנ'ס הילף געווינט מען.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די ברכה וואס האט געטוהן ניסים

די ערציילונג וואס מיר האבן דא האט פארציילט הרב החסיד רבי מרדכי יאזעוויטש זצ"ל, דער משמש און דער געטרייער באגלייטער פון הרה"ק רבי אהרן ראטה זיע"א דער בעל 'שומר אמונים', וואס ער האט עס אליינס מיטגעהאלטן:

דאס האט פאסירט אין יאר תרפ"ח. דער נאמען פון הרה"ק רבי אהר'לע ראטה וואס איז ארויף געקומען פון זיין געבורט'ס שטאט כדי זיך צו באזעצן אין דעם הייליגן לאנד און זיך אנזאפן מיט איר הייליגקייט, איז שוין באקאנט געווארן צווישן די ערליכע אידן אין ירושלים. ארום זיין ארימע וואוינונג האבן זיך צוזאמען גענומען חשובע בחורים און בני עליה וואס האבן זיך געוואלט אנקלעבן פון זיין הייליגקייט און הערן זיינע דברי תורה און שטייגן העכער אין עבודת ה'. די 'חבורה' איז אין שפעטער באקאנט געווארן מיט איר נאמען חבורת 'שומרי אמונים'.

עס זענען אנגעקומען די חנוכה טעג. רבי אהרן איז ווי זיין שטייגער פארנומען אין זיין עבודת הקודש, מיט נישט געווענליכע כוחות, ווען זיינע תלמידים זיצן ארום זיין טיש און הערן פון אים דברי תורה און חסידות. די ערשטע דריי טעג פון חנוכה זענען אריבער אויפן רבי'ן מיט זיינע תלמידים מיט א שמחה און א התלהבות, און אט קומט אן די פערטע נאכט. דער רבי דאוונט מעריב מיט התלהבות און מיט א ברען אויף זיין שטייגער, ווען ער שטראלט אינגאנצן פון שמחה של מצוה. באלד נאכן ענדיגן צו דאווענען איז דער רבי געגאנגען צו זיין צימער, וואו דארט האט ער זיך געוואלט איינשפארן אויף עטליכע מינוט כדי זיך צוגרייטן בדחילו ורחימו צו די גרויסע מצוה.

און פלוצלינג איז געהערט געווארן א זעץ פון די אנדערע זייט פון די טיר. די דערשראקענע תלמידים וואס האבן זיך געאיילט צו עפענען די טיר האבן געזעהן זייער רבי ליגט אויסגעשפרייט אויף די ערד ווען ער איז שטארק פאר'חלש'ט. די געשיקטע פון זיי האבן אנגעהויבן צו שפריצן אויף אים קאלטע וואסער און רייבן זיינע הענט און זיין קערפער מיט א שארפע משקה, וואס דאס האט אים אביסל דערמינטערט, ער האט געעפענט זיינע אויגן אבער ער האט נישט געקענט רוקן קיין איין אבר און איז געווען אינגאנצן מאכטלאז.

די דערשראקענע תלמידים האבן אים איידלערהייט אויפגעבויבן און אריינגעלייגט אין זיין בעט, און אזוי שוואכערהייט האט ער געוויזן אז מ'זאל רופן א דאקטער. איינער פון זיי איז געלאפן ערפילן די געבעהט פונעם רבי'ן און זייער שנעל האט זיך באוויזן ביים טיר א פרייער געשטאלט, דאס איז געווען דער דאקטער 'יאסמין', א דאקטער פון די 'ראטשילד' שפיטאל וואס איז פונקט אדורך און מיט פרייד האט ער אנגענומען די איינלאדענונג ער זאל קומען העלפן.

דער דאקטער האט גוט אונטערגעזוכט דעם רבי'ן און זיין פנים האט נישט גוט אויסגעזעהן. 'די צושטאנד קוקט נישט אויס גוט' - האט ער געזאגט מיט א ביטערן פנים, 'די פולס זענען זייער שוואך', און וואו צו צולייגן נאך אויל צו זייער זארג האט ער געענדיגט זיינע ווערטער: 'מיט ברילן פון א דאקטער זעה איך נישט קיין וועג וויאזוי איך קען אים העלפן, פון דעסוועגן, ווען איך וועל אנקומען אין שפיטאל וועל איך באלד צוזאמנעמען די דאקטורים דורך צו רעדן, ס'קען זיין אז מיר וועלן קענען עפעס טוהן פארן רבי'נס געזונט'.

דער דאקטער איז ארויס פון שטוב און ער לאזט איבער דעם רבי'ן ליגן אין בעט, בלאס און שוואך אן צו קענען ריקן קיין איין אבר, ווען די תלמידים וואס זארגן זיך אויף זיין געזונט שטייען פון דערווייטנס און קוקן נאך זיינע אטעמ'ס וואס ווערן שוואכער און שוואכער, און פלוצלינג האט איינער געוויזן פאר זיינע חברים אז דער רבי שאקלט די אויגן וואו ער ווינק אז ער וויל עפעס. אלע האבן פראבירט צו פארשטיין וואס דער רבי וויל, אבער פאר קיינעם איז נישט געלונגען צו פארשטיין.

מ'האט שנעל גערופן רבי אברהם שיש, גאר א קלוגער איד, פון די נאנטסטע תלמידים. רבי אברהם האט זיך דערנענטערט צו די בעט און ווען ער האט זיך פארטיפט אין זיינע געדאנקען איז אים געלונגען צו פארשטיין: 'דער רבי וויל מ'זאל אים ברענגען די מנורה...'

די תלמידים האבן שנעל צוגעברענגט די מנורה נעבן זיין בעט. זיי האבן אנגעפילט די גלעזעלעך מיט אויל און אריינגעלייגט קנויטן. דער רבי ליגט נאך אן זיך צו רירן, אבער עס זעהט אויס אז א פינק פון חיות האט זיך אנגעצינדן אין זיינע אויגן. איינער האט אנגעצינדן דעם 'שמש' און עס אריינגעלייגט אין די האנט פונעם רבי'ן, און אקעגן זייערע אויגן האט פאסירט דער נס:

אינגאנצן אן קיין כוחות האבן די ליפן פונעם רבי'ן אנגעהויבן זיך צו שאקלען: 'ב...רו...ך א...תה', אין אנהויב זענען די ווערטער געזאגט געווארן אזוי שטיל אז מ'האט זיי אינגאנצן נישט געהערט, ווען זיי זענען קומען ארויס פון זיין מויל צובראכן און אפגעהאקט, אבער פון ווארט צו ווארט האט זיך זיין קול געשטארק און געווארן בעסער, אזוי ביז די ענדע פון די ערשטע ברכה האבן שוין די תלמידים געקענט קלאר הערן און ענטפערן 'אמן' הויעך און מיט כוונה.

ווען דער רבי האט אנגעהויבן די צווייטע ברכה האט זיך די שטימע גוט געהערט, און עס איז געווארן שטערקער, אזוי ווייט אז ביי די ענדע פון די ברכה איז דער רבי ארויסגעשפרינגען פון זיין בעט און געענדיגט מיט א התלהבות און א פלאם פייער: "שעשה ניסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה!"

אקעגן די פארוואונדערטע אויגן פון די תלמידים האט דער רבי אנגעצינדן די קנויטן און האט אנגעהויבן זיין עבודת הקודש אזוי ווי זיין שטייגער יעדן טאג חנוכה, מיטן זאגן די קאפיטלעך מיט א הייליגן ברען, און נאכדעם מיט א פרייליכע טאנץ צוזאמען מיט די תלמידים.

אינמיטן די פייערדיגע טענץ האט דער רבי פלוצלינג אפגעשטעלט און געהייסן רופן דעם ד"ר יסמין. ער האט אים געוואלט ווייזן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט.

איינער פון די תלמידים האט זיך געאיילט צו רופן דעם דאקטער. יענער האט זיך שנעל אנגעטוהן זיין רעקל און זיך געאיילט צום רבי'נס הויז, ער איז זיכער געווען אז זיין געזונט צושטאנד האט זיך פארערגערט און דאס זענען זיינע לעצטע מינוטן פון זיין לעבן. אבער נאר ווי ער האט זיך דערנענטערט צו די הויז האט ער שוין פארשטאנען אז דער צושטאנד האט זיך געטוישט. קולות פון שמחה און התלהבות זענען ארויס פון דער הויז וואס ביז א קורצע צייט צוריק האט דא געהערשט א צוקלאפטע גייסט.

דער דאקטער איז אריין מיט א שטורעם אין צימער און זיינע אויגן האבן זיך געעפענט מיט וואונדער, דער רבי וואס פאר א קורצע צייט צוריק האט ער שוין געהאלטן ביים אוועק גיין פון די וועלט, איז יעצט געשטאנען אינמיטן די רינג פון די תלמידים וואס זענען געטאנצן מיט א ברען, ווען פון זיין פנים זעהט זיך ארויס א חיות און א פרישקייט.

דאס וואס ער האט געזעהן מיט זיינע אייגענע אויגן האט אים געשאסן אין הארץ ווי א פייל, פון די מינוט וואס ער איז ארויס פון שטוב האט ער נישט אויפגעהערט צו טראכטן מער און מער און אזוי זענען אים ארויף געקומען אין הארץ תשובה געפיהלן, אזוי ווייט אז נאך א תקופה איז ער געווארן פון די נאנטסטע שטוב מענטשן פון דער רבי, און ווען נאך עטליכע יאר איז דער רבי צוריק ארויס קיין חוץ לארץ, האט דער דאקטער אים ארויסבאגלייט ביז צו די שיף, ווען עס איז אים שווער זיך צו געזעגענען פון דעם וואונדערליכן געשטאלט וואס האט צוריק געברענגט זיין נשמה צו איר אפשטאם.

מיט א צייט שפעטער האט דער רבי געגעבן צו פארשטיין וואס עס האט פאסירט מיט אים אין יענע מינוטן: 'אמת טאקע אז מיין מצב איז געווען זייער נישט גוט, און איך האב שוין באשלאסן ביי מיר אז איך גיי יעצט נסתלק ווערן פון דער וועלט, נאר פונקט דעמאלטס איז ארויף געקומען א געדאנק אין מיין מח ווי גוט עס וועט זיין אז איך זאל אוועק גיין פון דער וועלט ביים מקיים זיין די מצוה פון צינדן די חנוכה ליכט און זאגן די ברכות, ווייל דאס איז דאך די לעצטע געלעגנהייט וואס איך קען צולייגן זכותים וואס זאלן מיר ביישטיין.

איך האב באשלאסן זיך צו שטארקן און צוזאם נעמען מיט מסירות נפש מיינע לעצטע ביסל כוחות אויף די לעצטע מצוה אין מיין לעבן, אבער עס זעהט אויס אז דווקא די מצוה האט אריינגעגאסן אין מיר פרישע כוחות ביז דער אויבישטער האט מיר געהאלפן און איך האב זיך צוריק געשטארקט'.

פון יענע יאר ביז די לעצטע יאר פון זיין לעבן האט דער רבי זיך געפירט צו מאכן יעדע יאר א סעודת הודאה אין דעם פערטן חנוכה לעכטל, צו פארצייכענען דעם נס און צו לויבן דעם באשעפער אויף זיינע נסים וואס ער האט געטוהן מיט אונז בימים ההם בזמן הזה.

קובץ 'קול אמונים' ו-ז עמ' קסב

עיצובים shay